# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת מקץ תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 463



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


# פניני אמונים

## פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### א ישועה מן השמים – כהרף עין

**"וַיִּשְׁלַח פַּרְעֹה וַיִּקְרָא אֶת יוֹסֵף וַיְרִיצֻהוּ מִן הַבּוֹר וַיְגַלַּח וַיְחַלֵּף שִׂמְלֹתָיו וַיָּבֹא אֶל פַּרְעֹה"** (מא יד)

**רבי עובדיה ספורנו** ערקלערט אז די תורה באטאנט די איילעניש מיט וואס יוסף איז באפרייט געווארן פון די גרוב-ארעסט און איז אויפגענומען צו זיין דער משנה למלך, אונז צו לערנען אז אזוי איז די סיסטעם פון "די ישועה פון השי"ת, וואס ווערט געטון ווי אין א סקונדענע". דער ספורנו איז ממשיך אז אזוי איז אויך געווען די גאולת מצרים, אזוי ווי עס שטייט (שמות יב לט): "וַיֹּאפוּ אֶת הַבָּצֵק אֲשֶׁר הוֹצִיאוּ מִמִּצְרַיִם עֻגֹת מַצּוֹת כִּי לֹא חָמֵץ כִּי גֹרְשׁוּ מִמִּצְרַיִם וְלֹא יָכְלוּ לְהִתְמַהְמֵהַּ...". און אזוי אויך וועט זיין די גאולה העתידה, ווי עס שטייט (מלאכי ג א): "וּפִתְאֹם יָבוֹא אֶל הֵיכָלוֹ הָאָדוֹן אֲשֶׁר אַתֶּם מְבַקְשִׁים". דער יסוד ווערט שוין דערמאנט דורך רבי ניסים גאון אין זיין ספר 'חיבור יפה מהישועה' (פרק יד), און ציטירט אין דעם ענין דעם באקאנטן זאץ "ישועת ה' כהרף עין".

**רבי דוד קוויאט** פון די ראשי ישיבת מיר אין ברוקלין ערקלערט די סיבה פארוואס די ישועה קומט טאקע 'כהרף עין', ווייל א ישועה וואס ווערט געטון אין איילעניש און איבערראשונג, ווייסן אלע אז דאס קומט פון השי"ת. דאקעגן א ישועה וואס אנטוויקלט זיך אויף א נאטורליכן אופן, וואס דעמאלט איז מעגליך צו מאכן א טעות און עס אנהענגען אין די טבע.

ספורנו; 'שפתי רננות' סליחות ללילה השני; 'סוכת דוד' אות לב

### דער האנט פון הקב"ה בלייבט שטענדיג פול

**"וְיִקְבְּצוּ אֶת כָּל אֹכֶל הַשָּׁנִים הַטֹּבוֹת הַבָּאֹת הָאֵלֶּה וְיִצְבְּרוּ בָר תַּחַת יַד פַּרְעֹה אֹכֶל בֶּעָרִים וְשָׁמָרוּ"** (מא לה)

**זאגט רבי יוסף שאול נאטאנזאהן:**

אויך אין די זיבן זעטע יארן האבן די מצרים נישט אינגאנצן הנאה געהאט פון די שפע וואס זיי האבן באקומען, ווייל זיי האבן דאך אוועקלייגט פון די תבואה אויף די קומענדיגע זיבן הונגער יארן. כאטש דאס געבן פון השי"ת האט נישט א גרעניץ און א מאס, להבדיל פון א בשר ודם וואס עס פעלט אים פון זיין פארמעגן לויט וויפיל ער געבט, אבער ביים אויבערשטן איז נישט שייך עס זאל עפעס פעלן. פון דעסוועגן פון דעם וואס פרעה האט געזען אין זיין חלום אז די מאגערע זאנגען האבן איינגעשלינגען די פולע זאנגען, האט יוסף פארשטאנען אז מען דארף אוועק לייגן פון די זעטע יארן אויף די הונגער יארן.

אויף דעם בעט מען ביי 'ברכת המזון': "ונא אל תצריכנו... לא לידי מתנת בשר ודם ולא לידי הלוואתם, כי אם לידך **המלאה**"; מיר זאלן נישט דארפן צוקומען "לידי מתנת בשר ודם" וואס לויט וויפיל מען נעמט פון איר ווערט עס ווייניגער, נאר צו דיין האנט וואס שטענדיג בלייבט עס פול.

דאס איז אויך די כוונה וואס מיר לויבן ביי נשמת: "ברעב זנתנו ובשבע כלכלתנו"; לכאורה, וואספארא שבח ליגט אין "בשבע כלכלתנו" דערנאך וואס מיר האבן שוין געלויבט אויף דעם "ברעב זנתנו"? נאר, מיר לויבן אויף דעם וואס הקב"ה האט אונז געשפייזט אין די הונגער יארן אן מיר זאלן דארפן אפשפארן פון פריער אין די זעטע יארן, און דורך דעם, די הנאה אין די זעטע יארן איז געווען בשלימות.

'דברי שאול' [מהד' רביעאה]

### די שבטים האבן מורא געהאט טאמער זייער תפילה וועט נישט אנגענומען ווערן

**"וְאֵ-ל שַׁ-דַּי יִתֵּן לָכֶם רַחֲמִים לִפְנֵי הָאִישׁ וְשִׁלַּח לָכֶם אֶת אֲחִיכֶם אַחֵר וְאֶת בִּנְיָמִין"** (מג יד)

רש"י ערקלערט אז אזוי האט יעקב געזאגט פאר זיינע זין: יעצט אז די געלט מיט די געשאנק איז אין ענקער האנט און בנימין - ענקער ברודער - גייט אראפ קיין מצרים מיט ענק, "פעלט נישט אויס פאר אייך נאר תפילה, דעריבער דאוון איך אויף אייך: 'וְאֵ-ל שַׁ-דַּי יִתֵּן לָכֶם רַחֲמִים...'". דארף מען פארשטיין, פארוואס האבן די שבטים אליין'ס נישט געדאוונט, און יעקב האט געדארפט דאווענען אויף זיי?

ערקלערט **רבי אברהם יצחק שיין** ר"מ ישיבת 'תפארת ירושלים':

אויבן (מב כא) טרעפן מיר אז די ברודער האבן אנגעהאנגען די סיבה אויף זייער צרה אין דעם וואס זיי האבן זיך נישט וויסנדיג געטון ווען יוסף האט זיך צו זיי געבעטן אויף זיין לעבן. דעריבער, ווען זיי האבן זיך גענויטיגט אין רחמים, האבן זיי מורא געהאט אז הקב"ה וועט זיך פירן מיט זיי 'מידה כנגד מידה' און וועט אויך נישט צוהערן זייערע תפילות, דעריבער האבן זיי ענדערשט געוואלט אז זייער פאטער זאל בעטן אויף זיי.

פון דא קען זיך יעדער אפלערנען, אויב ער וויל ווען ער וועט זיך נויטיגן אין א ישועה זאל מען אין הימל צוהערן זיין דאווענען, זאל ער זיך צוגעוואוינען צוהערן די בקשות פון אנדערע ווען זיי דארף פון אים הילף, און אזוי וועט ער קענען עפענען זיין מויל ווען ער קומט דאווענען פאר השי"ת.

'ברכת איש'

# פתחו שערים

## די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### דער קשר צווישן חנוכה און ענטפערן אמן

מיר אלע קענען די פריערדיגע און דערהויבענע פיוט וואס הייבט זיך אן מיט די ווערטער: 'אין כאלוקינו'. דער פיוט איז צוזאמגעשטעלט פון פינף שטיקלעך וואס אין יעדער פון זיי איז דא פיר שבחים. די דריי ערשטע שטיקלעך וואס הייבן זיך אן: "**אין...**", "**מי...**", "**נודה...**", זענען ר"ת אמן, און די קומענדיגע שטיקלעך, הייבן זיך אן "ברוך..." און "אתה..." (ראה 'פירוש התפילות והברכות' [לר"י בן יקר] ח"א עמ' קכה).

איך האב זיך שטענדיג געוואונדערט ביי מיר אין הארץ פארוואס האבן די חכמים אויסגעשטעלט א באזונדערן פיוט לויט די אותיות 'אמן'. מיט עטליכע יאר צוריק האב איך זיך באגעגנט מיטן פירוש 'עץ חיים' אויף 'סידור התפילה' וואס מהר"י צאלח פון די גדולי חכמי תימן האט פארפאסט, דארט ברענגט ער א אלטע מסורה, אז אין די צייטן פון מלכות יון האבן די יוונים גוזר געווען אויף די אידן זאלן נישט ענטפערן 'אמן', און ווייל די חכמים האבן געוואלט עס זאל נישט פארגעסן ווערן תורת 'אמן' פון כלל ישראל האבן זיי עס אריינגעשטעלט בדרך רמז אין אט די תפילה.

די פאקט אז די יוונים האבן באשלאסן זיך אנטשעפענען דוקא אין די מצוה פון 'אמן' לערנט אונז איר גרויסע מעלה. די יוונים האבן געוואלט "להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך", אויב אזוי פארשטייט מען שוין אליין אז ווייל זיי האבן פארשטאנען אז 'אמן' איז דער יסוד פון אמונה און קשר צווישן די אידן און זייער פאטער אין הימל, און מיט די כח זענען זיי גרייט אויף מסירות נפש אויף זייער אמונה, האבן זיי גוזר געווען עס מבטל זיין. יעדער פארשטייט אז ווען מען שעדיגט די שורש, די יסוד, איז די רעזולטאט פארזיכערט, חלילה.

איך האב געטראכט צולייגן, די פאקט אז די חכמים האבן מתקן געווען צו דערמאנען אין דער פיוט א סעריע פון פיר שבחים אקעגן יעדע איינע פון די אותיות 'אמן', קען אונז לערנען די געוואלדיגע באדייט פון ענטפערן 'אמן'.

אין די ערשטע אות פון 'אמן' - די אות א', איז דא א שטארקע דערקלערונג פון אמונה: אין כאלוקינו! אין כאדונינו! אין כאלוקינו! אין כמושיענו"!. אין די צווייטע אות - מ', טוט מען פארזעצן מיט די רעזולטאט פון אמונה - פארשטיין אז אלעס איז פון ה' און נאר צו אים קען מען זיך ווענדן און דאווענען: "מי כאלוקינו"? "מי כאדונינו? "מי כמלכינו"? "מי כמושיענו"? ביי די אות נ' דערמאנט מען די שטענדיגע חוב פון לויבן דעם אויבערשטן וואס טוט אלעס: "נודה לאלוקינו"! "נודה לאדונינו"! "נודה לאדונינו"! "נודה למושיענו"!

עס קען אויך זיין אז דאס איז די סיבה וואס מיר פירן זיך זאגן דעם פיוט פונקט ביים ענדע דאווענען, אונז צו מעורר זיין אז א גאנצן טאג זאלן מיר פארזעצן זוכן צו ענטפערן אמן - און ווי א נצחון פון די קדושה פון דאס אידישע פאלק אויף די טמא'ענע יוונים וואס האט צוגעברענגט אז שטענדיג זאלן מיר "להודות ולהלל לשמך הגדול".

**מיט א רוף: "אין..." מי... נודה..."**
**א גוט שבת און א פרייליכן חנוכה**

יעקב דוב מארמארשטיין

# תפילה באפרייט מיט א קאפל פון א שטרימפ

פרילינג אין יאר תרע"ו. מרדכי גוטמאן האט באטראכט די וואונדערליכע פאנאראמא ארום אים, זיך צוגעהערט צו די נאטורליכע שטילקייט, און זיך ערלויבט אריין אטעמען אביסל ריינע לופט. נאך אסאך מאנאטן פון אומאויפהערליכע קעמפן, אין א שווערן און שניי'עדיגן ווינטער, האט די זין ענדליך ארויסגעקוקט פון צווישן די גרויע וואלקענעס, דערמאנט פאר מרדכי און זיינע פריינד דעם פאקט פון די עקזיסטענץ פון א נארמאלער וועלט ערגעץ ווייט פון פראנט, און זיי ערמעגליכט צו טראכטן אביסל אויף די פארגאנגענהייט, און דאס יעצטיגע און צוקונפט.

דאס איז געווען אינמיטן די ערשטע וועלט'ס קריג. מיליאנען זענען שוין גע'הרג'עט געווארן אין די אנגייענדיגע מלחמה. אלס א פרומער אידישער זעלנער א שומר תורה ומצוות, וואס דינט צווישן גוי'שע זעלנער אין דער דייטשער ארמיי, האט ער די גאנצע צייט געפילט, אז ער קעמפט אין א מלחמה וואס האט גארנישט צו טון מיט אים. זייענדיג אין דינסט אין די שלאכט פעלדער, האט ער בייגעוואוינט שרעקליכע זאכן, אבער צו דעם אלעס איז צוגעקומען די ליידן וואס ער איז אריבער ביי זיינע 'פריינט' און אפיצירן, וואס צו מאל האט זיי אים באהאנדלט ערגער ווי זיי פלעגן באהאנדלען זעלנער פון דעם פיינט.



א אלטע שול אין די שטאט ארפורט, דייטשלאנד.

נאר מיט עטליכע טעג צוריק האט ער געזען דוד'ן, א איד וואס האט געדינט אין די גרופע, ווען איין אויג איז פארשווארצט מיט א צעבראכענע און בלוטדיגע נאז, ווען זיין גאנצע זינד איז געווען, אז ער האט זיך נישט באהאלטען פון די אויגן פון זיינע 'חברים' ווען ער האט געבענטשט נאכן עסן. מרדכי האט געווארט אויף דעם מאמענט, ווען מען וועט אים מעלדן זיין אויף זיין באפרייאונג, און איז גרייט געווען צו צאלן כמעט יעדן פרייז דערפאר.

דער טאג האט אויסגעזען צו זיין גאנץ שיין. היינט אינדערפרי זענען זיי אריין אין א קליינעם דארף וואס זיי האבן איינגענומען פון די פראנצויזן. דאס דארף איז געווען ליידיג. אירע איינוואוינער זענען אנטלאפן מיט שרעק, און צווישן אירע הייזער האט געהערשט א שטילקייט. מרדכי איז געשיקט געווארן מיט נאך אנדערע זעלנער, דורכצוגיין די הייזער און קוקן צי עס זענען אין זיי פארבליבן פון די סאלדאטן פון דער פיינט.

ביי די ענדע פון דער מיסיע איז דארט געגרינדעט געווארן א קליינע מיליטערישע באזע וואו זיי האבן געדארפט ארגאניזירן ביז דעם קומענדיגן אטאקע.

"א האלבע שעה הפסקה!" - האט דער קאמאנדיר אויסגערופן. אסאך זעלנער האבן דאס אויסגענוצט אויף א קורצע שלאף, אבער מרדכי האט באשלאסן אויסנוצן די הפסקה, כדי אביסל ארומצוגיין צווישן די הייזער אין דארף, אטעמען פרישע לופט און טראכטן וועגן זיין לאגע.

ער האט זיך אראפגעזעצט אין א הויף פון איינע פון די פארלאזטע הייזער, זיך אביסל אויסגעצויגן, און אין זיין מח האבן אנגעהויבן ארויף שווימען די בילדער פון זיינע נאנטע. ער האט געטראכט וועגן זיין יונגע פרוי, וואס ווייסט גארנישט איבער זיין גורל, צי ער איז לעבעדיג אדער טויט, געזונט אדער פארוואונדעט. ער האט געטראכט וועגן זיין קליינעם זון וואס ער האט געזען נאר איינמאל אין זיין לעבן, און איבער זיינע עלטערן וואס בענקען צו זיין אומקערן. די זכרונות האבן אים פארפלייצט און אנגעפילט דאס הארץ מיט בענקשאפט.

ער האט זיך ארומגעקוקט, געלאזט די זכרונות זאלן אים פארפלייצן און זיין הארץ אנפילן מיט בענקשאפט, זיין בליק האט זיך באגעגנט אין די זון וואס גייט אונטער איבער די בערג, און דעמאלט האט ער זיך דערמאנט מיט שרעק; די 'שקיעה' דערנענטערט זיך און ער האט נאכנישט געדאוונט מנחה!

מרדכי איז אויפגעשפרונגען פון זיין פלאץ און איז צוגעגאנגען צו א דערנעבנדיגן הויז, געעפנט די טיר, געלאזט די זון שטראלן זאלן אריינדרינגען אין איר און ליכטיג מאכן דעם וועג פאר אים. ער איז פארזיכטיג אריין אין שטוב, די געגנט איז געווען ריין.

מרדכי האט זיך באלד אוועקגעשטעלט נעבן איינע פון די ווענט און געוואלט אנהייבן דאווענען. ער האט ארויפגעלייגט די האנט ווי פון געוואוינהייט אויף זיין קאפ, און צו זיין פארוואונדערונג איז דער קאפ געווען אויפגעדעקט, ווי עס זעט אויס אין א מינוט פון אומאויפמערקזאמקייט איז די קאפל אראפגעפאלן פון זיין קאפ.

מרדכי האט א קוק געטון אויף זיין זייגער, ער האט געהאט נאר דריי מינוט ביז די ענדע פון די הפסקה, און ביי די דייטשן ווי איר ווייסט דארף אלעס זיין פונקטליך. ער האט זיך אומגעקוקט מיט א ברען, די שטוב איז געווען אינגאנצן איבערגעקערט, עס האט אויסגעזען אז אירע איינוואוינער זענען אנטלאפן אין דער לעצטער מאמענט און אין גאנצן איבערראש. אויף טיש זענען געליגן שמוציגע כלים און רעשט פון מיטאג, אויף דער פאטעל איז געלעגן אן אפענעם ספר, און אויפן שטול איז געלעגן א ליכטיגער סוועטער.

מרדכי האט ארום זיך נישט געזען אזאך וואס ער קען נוצן פאר א קאפ-צודעק, און נישט האבנדיג א אנדערע וועג האט ער זיך אראפגעבויגן, אויסגעטון איין שטיוול און אראפגענומען די שטרימפ פון זיין פוס. נישט האבנדיג א ברירה וועט דאס זיין ווי א קאפל אויף זיין קאפ.

ער האט צוריק אריין געלייגט די פוס אין שטיוול, ער האט געלייגט די שטרימפ אויפן קאפ וועט עס טוט אויך פארדעקן די אויערן, און געשמייכלט צו זיין געדאנק פון זיין מאדנעם אויסזען. קיין אנדערע ברירה האט ער נישט געהאט.

ער האט געריבן זיינע הענט, זיך אויסגעדרייט צום וואנט און אנגעהויבן דאווענען.

דאס דאווענען האט אים אנגעפילט מיט כח, ער האט געשעפט כוחות פון די הייליגע ווערטער. געדאוונט אויף די פארוואונדערטע אידישע זעלנער, פאר זיינע עלטערן, זיין פרוי און זיין קליין זון, וועלכע זענען געבליבן אויפן דייטשן באדן און ציטערן אויף זיין גורל.

ביים דאווענען הערט מרדכי קולות פון אינדרויסן פון הויז און ווערט אנגעצויגן. די טיר עפענט זיך ווען מרדכי איז כמעט פארגליווערט געווארן אויף זיין פלאץ, אבער ער האט באשלאסן ווייטער דאווענען.

זיין קאמאנדיר איז אריין אין שטוב, און זיינע אויגן זענען ארויס פון זייערע לעכער אינגאנצן פארוואונדערט. ער האט געקוקט אויפן זעלנער וואס איז געשטאנען און גערעדט צו דער וואנט, די אויגן פארמאכט, און א לאנגע שטרימפ הענגט אראפ פון קאפ ביז די פלייצעס. אלס א געניטער קאמאנדיר האט ער באלד געהאט די ריכטיגע דיאגנאז. ער איז צורידערט געווארן אין די שלאכטן.

"וואָגעל!", האט דער קאמאנדיר באפוילן זיין געטרייען באהילפער, "גוטמאן איז משוגע געווארן! שיקט אים גלייך אויף וואקאציע, אין שטוב וועט מען אים באהאנדלען ווי עס דארף צו זיין"

אין די צייט וואס מרדכי האט געמאכט זיין וועג אהיים, איז דער גרופע אין וועלכן ער האט געדינט ביז נעכטן, פלוצים אטאקירט געווארן דורך די פראנצויזישע פיינט'ליכע זעלנער. פון אלע צוויי הונדערט און פופציג זעלנער איז קיינער נישט גראטעוועט געווארן, אויסער איין 'משוגע'נער' מאן וואס רעדט צו דער וואנט מיט א שטרימפ אויפ'ן קאפ...

דערציילט דורך אייניקלעך פון סופר ר' מרדכי גוטמאן, משפ' שוסטער פון מאנסי ניו יארק

## ענטפערן אמן נאך א ברכה וואס ווערט געהערט דורך פארבינדונג'ס מיטלען

**א. דער וואס הערט א ברכה דורך א מייקרפאון, טעלעפאן, אדער סיי וועלכע פארבינדונג'ס מיטל, דארף ענטפערן אמן, ווייל דער קול וואס ווערט געהערט ווערט גערעכנט ווי דער קול פון דער משמיע אליין. דער דין איז געזאגט געווארן נאר ווען דער שומע דערקענט די קול פון דער מברך און ווייסט אז מען מעג ענטפערן אמן נאך זיין ברכה. אבער עס זענען דא וואס האלטן אז טראץ וואס דער קול וואס ווערט געהערט פון די אויבנדערמאנטע כלים ווערט באשאפן דורך דער מענטש וואס האט עס געזאגט, ווערט עס נישט גערעכנט אלס דער קול פון א מענטש, נאר אלס א קול וואס איז געשאפן דורך די טעכנאלאגישע מיטלען, און א אמן וואס ווערט געענטפערט נאך א ברכה וואס מען הערט פון זיי, איז א אמן לבטלה.**

### מקורות וביאורים:

אין שו"ת 'מנחת אלעזר' (ח"ב סי' עב) האלט ער מיט א זיכערקייט אז דער קול וואס ווערט געהערט אין טעלעפאן האט א דין ווי דער קול פון דער משמיע, און וועגן דעם דארף מען ענטפערן אמן נאך א ברכה וואס ווערט געהערט אין טעלעפאן. און כאטש דער מברך געפונט זיך אין א ווייטע פלאץ, איז דאס נישט מעכב, אזוי ווי עס איז גע'פסק'נט אין 'שולחן ערוך' (או"ח נה כ): "היו עשרה במקום אחד ואומרים קדיש וקדושה, אפילו מי שאינו עמהם יכול לענות", און אזוי שטייט אויך אין שו"ת 'פני מבין' (או"ח סי' קג). אבער אין שו"ת 'פני מבין' (שם) שטייט אז לויט די וואס האלטן (שו"ע שם) אז ווען א עבודה זרה, אדער א אומריינע ארט טיילט אפ צווישן דער מברך און שומע, ענטפערט נישט דער שומע אמן, אזוי אויך דער וואס הערט א ברכה אין א טעלעפאן זאל נישט ענטפערן אמן, אויב צווישן אים און דער מברך געפונט זיך א זאך וואס שטערט צו ענטפערן. אבער אין שו"ת 'מנחת אלעזר' (שם) קריגט זיך אויף אים און האלט אז אלע זענען מודה אז מען דארף ענטפערן אמן ווען מען הערט א ברכה דורך א טעלעפאן, אויך אויב צווישן דער שומע און דער מברך איז דא א ע"ז אדער א אומריינע ארט, ווייל דער קול גייט אדורך די טעלעפאן דראטן וועלכע זענען איבער צען טפחים פון די ערטער. און זע אין 'פסקי תשובות' (רטו ג) וואס כאפט אן אז אויף הערן א ברכה אין טעלעפאן מעג מען ענטפערן אמן, אבער עס איז נישט קיין חוב.

אבער הגרש"ז אויערבאך (שו"ת 'מנחת שלמה' סי' ט) קריגט און האלט אז וויבאלד ביים רעדן אין א מייקרפאון, טעלעפאן, אדער סיי וועלכע פארבינדונג'ס מיטל, הערט מען נישט די עצם קול פון דער מענטש, נאר דורך די טעכנאלאגישע מיטלען ווערט נאכגעמאכט זיין קול, ווערט עס גערעכנט ווי דער קול פון דער משמיע עקזיסטירט שוין נישט אויף דער וועלט, און נישט ער זאגט די ברכה. און אזוי ווי עס וועט נישט איינפאלן צו ענטפערן אמן נאך א מאשין וואס זאגט א ברכה דורך קוועטשן אויף דעם, אזוי אויך טאר מען נישט ענטפערן אמן נאך א ברכה וואס א מענטש מאכט מען זאל הערן דורך יעדע סארט פארבינדונג'ס מיטל. און אזוי איז גע'פסק'נט אין שו"ת 'באר משה' (ח"ג סי' קסו) און אין שו"ת 'תשובות והנהגות' (ח"ג סי' עט). אבער הגר"מ פיינשטיין (שו"ת 'אגרות משה' ח"ב סי' קה) טענה'עט אקעגן: "קשה לומר בזה הלכה ברורה". ווייל אפילו אויב מיר וועלן זאגן אז דער קול פון דער מברך איז שוין נישט אויף דער וועלט, פון דעסוועגן דער קול ווערט געהערט נאר ווען דער מענטש זאגט עס טאקע, אזוי אויך, דער קול וואס ווערט געהערט איז ענליך צו דער קול פון דער מענטש וואס זאגט די ברכה. נאך טענה'עט הגר"מ אז אויך דער וועג ווי די מענטשליכע הערן-סיסטעם פונקציאנירט איז אונז נישט אינגאנצן קלאר, און עס איז מעגליך אז הקב"ה האט באשאפן א טבע אין די בריאה אז דער חוש השמיעה זאל פונקציאנירן לויט געוויסע וועגן וואס ארבעטן אויף אן ענליכען אופן ווי די אפעראציע פון די מאשינען. צוליב דעם איז ענדערש צו האלטן אז הערן א קול דורך די אויבנדערמאנטע כלים, איז אזוי ווי הערן די קול פון דעם מענטש וואס זאגט די ברכה. פון דעסוועגן פסק'נט הגר"מ פיינשטיין אז וויבאלד עס איז נישט מעגליך צוקומען צו א קלארן באשלוס אויף דעם ענין, איז מספק זאל מען ענטפערן אמן נאך א ברכה וואס מען הערט דורך די פארשידענע פארבינדונג'ס מיטלען. און זעה אין שו"ת 'מנחת שלמה' (שם) אז אויך דער בעל החזון איש האט געהאט א ספק אין דעם.

•

**ב. אויך די וואס האלטן אז א קול וואס ווערט געהערט דורך פארבינדונג'ס מיטלען ווערט נישט פארערכנט ווי א מענטשליכע קול, פון דעסוועגן ווען מען זאגט א ברכה דורך א מייקרפאון, דארפן די פארזאמלטע ענטפערן אמן, און דאס איז נאר ווען מען זאגט א ברכה וואס זיי זענען נישט מחויב אין דעם. ווייל כדי צו ענטפערן אמן נאך א ברכה וואס מען איז נישט מחויב מיט דעם, איז גענוג אז דער שומע זאל וויסן אויף וועלכע ברכה ער ענטפערט, און ער דארף נישט הערן די ברכה אליין. דעריבער, כאטש הערן א ברכה דורך א מייקראפאן ווערט נישט באטראכט ווי הערן א ברכה פון א מענטש'ס מויל, פון דעסוועגן די צוהערער ווייסן דאך אויף וואספארא ברכה זיי ענטפערן, און דאס איז גענוג.**

### מקורות וביאורים:

אזוי איז גע'פסק'נט אין שו"ת 'מנחת שלמה' (שם). און זעה דארט אז ער ערקלערט אז אויף א ברכה וואס מען איז מחויב אין דעם טאר מען נישט ענטפערן אמן אויב ער הערט עס נישט, אויך אויב ער ווייסט וועלכע ברכה ווערט געזאגט, אזוי ווי עס איז גע'פסק'נט אין 'שלחן ערוך' (או"ח קכד ח). און וועגן דעם לויט די וואס האלטן אז א קול וואס ווערט געהערט דורך פארבינדונג'ס מיטלען ווערט נישט גערעכנט ווי א קול פון א מענטש, דער וואס הערט דורך א מייקראפאן א ברכה וואס ער איז מחויב צו הערן, ווערט עס גערעכנט ווי ער האט נישט געהערט די ברכה, און ער טאר נישט ענטפערן אמן נאך דעם (וראה בשו"ת 'תשובות והנהגות' שם).

דאס אלעס איז נאר ווען מען הערט א ברכה אויפן מייקראפאן, אבער דער וואס הערט א ברכה אויפן טעלעפאן אדער סיי וועלכע מיטל וואס פירט איבער די קול אויף ווייט זאל נישט ענטפערן אמן, לויט די וואס האלטן אז די קול וואס ווערט געהערט אויפן טעלעפאן איז נישט פארערכנט פאר א מענטשליכן קול, כאטש ער ווייסט אויף וואספארא ברכה ער ענטפערט, ווייל ער שטייט ווייט פונעם מברך, האט ער נישט קיין קשר און שייכות מיט אים (שו"ת 'מנחת שלמה' שם).

•

**ג. דער וואס הערט א רעקארדינג פון א ברכה, טאר נישט ענטפערן אמן אויף דעם, ווייל יעצט זאגט דאך נישט דער מברך די ברכה.**

### מקורות וביאורים:

אזוי שרייבט הגר"ח בערלין אין א תשובה וואס איז געדרוקט געווארן אין ספר 'אהלי אהרן' (ח"ב סי' סד). אבער אין שו"ת 'ארץ צבי' (ח"א סי' כג) איז ער זיך מסתפק אין די הלכה, ווייל ס'קען זיין אז מען דארף באטראכטן די קול וואס געהערט פון די רעקארדינג, ווי דאס איז דער ערשטער קול וואס איז אויפגעכאפט געווארן.

## מאוצרות אמונים

### ענטפערן אמן – דער יסוד פון אמונה

אסאך מאמרי חז"ל וואס לערנען און ווייזן אונז די טייערקייט, גרויסקייט און דערהויבענע מעלה פון די מצוה פון ענטפערן אמן, זענען צעשפרייט אין תלמוד בבלי און אין ירושלמי און די פארשידענע מדרשים. אבער מער פון אלעס ברענגט עס ארויס דער מדרש אין פרשת כי תבא (דב"ר ז א) זאגנדיג: "אין גדול לפני הקב"ה יותר מאמן שישראל עונים!". די ווערטער פון מדרש טוט אזוי יעדן איד אויפשטורעמען אזוי ווייט אז דער בעל 'שומר אמונים' טוט זיך באמיעהן און קלאר שטעלן (מאמר פתחו שערים פרק ג): "זאלסט באטראכטן די ווערטער פון דער מדרש וואס זיי האבן נישט גערעדט קיין גוזמאות ח"ו, אז עס איז נישטא קיין חשובער זאך פאר ה' אזוי ווי ענטפערן אמנים".

פאלגנד וועלן געברענגט ווערן פערל-ווערטער און גוטע-ווערטער פון די אוצר פון גדולי הדורות וואס געבן אונז א ליכטיגקייט און ערקלערן ווי גרויס איז די מעלה פון ענטפערן אמן, און ווי ווייט מיר דארפן אכטונג געבן און זיך פרייען מיט דער זכות וואס מיר זענען זוכה צו דעם בכל עת ובכל שעה.

### דער וואס ענטפערט אמן ווערט אנגערופן צדיק

**רבינו בחיי** שרייבט: אויפן פסוק (ישעיה כו ב): "'פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים', דרש'ענען די חכמים (שבת קיט ב): "אל תקרי 'שמר אמנים' אלא 'שאומרים אמן'". לויט די דרשה איז עס כאילו עס שטייט אין פסוק: 'גוי צדיק שאומרים אמן', און מען קען זיך לערנען פון דעם אז "צוליב די הנהגה פון ענטפערן אמן ווערן די אידן אנגערופן צדיקים" ('כד הקמח' ערך אמונה). דאס זעלבע לערנט ארויס רבי שמואל לניאדו 'בעל הכלים': "דער וואס זאגט אמן, אויף דעם אליין ווערט ער אנגרופן צדיק" ('כלי פז' ישעיה שם). אויף דער יסוד איז מרמז חבקוק הנביא אין דער פסוק (חבקוק ב ד): "וצדיק באמונתו יחיה"; אין זכות "באמונתו" - ענטפערן אמן, איז דער מענטש זוכה צו ווערן אנגערופן צדיק און מאריך ימים זיין ('שערי ציון' עמ' סו).

## אגרות אמונים

### א בריוו פון א געטרייער ליינער

למעלת איש אמונים המנצח על מלאכת בית ה'

הרב יעקב דוב מארמארשטיין, אשרי חלקו כי לו נאה כי לו יאה.

צוליב וואס איך האב זוכה געווען צו זיין פון די וואס זענען נמנים אויף א דבר מצוה, בין איך מקפיד מיט מיין גאנצע הארץ צו ענטפערן אמן נאך די וואס זאגן די ברכות השחר אין שול, צי נאך עטליכע צי נאך אסאך, און געווענליך נאך אסאך.

א דאנק פאר אייך אויפן וואונדערליכן געדאנק, א עקסטערע לויב אויף דעם וואונדערליכן הנהגה אין די מוסדות החינוך, א באזונדערע שבח אויף דעם וואונדערבארן גליון, און אויף דעם וואס יעצט איז געווארן א יאר זינט דער גליון הייבט זיך אן מיט אייערע וואונדערליכע ארטיקלען. די גאנצע גליון איז פול מיט ליכטיגקייט, אבער אייערע ארטיקלען האבן א ספעציעלע חן זייענדיג א נאה דורש ונאה מקיים.

איך האב עטליכע מאל באמערקט אז איר רופט אן אייערע וואונדערליכע אקטיוויטעטן מיטן נאמען "רעוואלוציע" די "בני אמונים-רעוואלוציע". עס איז ריכטיג, און עס איז אינגאנצן נישט קיין פארהאן א ארט אויף א וויכוח אויף דעם, איר האט געטון א רעוואלוציע. אבער אלס איינער וואס קוקט אייך נאך, ווייס איך אז יעדע הגדרה פון אייך איז אויסגערעכנט, און איך האב אלעמאל זיך געפרעגט וואס איז דער מקור פונעם נאמען "רעוואלוציע"?

פאריגע וואך איז מיר איינגעפאלן אז למעשה די תורה אליין רופט אן דאס וואס ענק טון א "רעוואלוציע":

אין פרשת האזינו (דברים לב כ) שטייט: "כִּי דוֹר תַּהְפֻּכֹת הֵמָּה בָּנִים לֹא אֵמֻן בָּם". דרש'ענען די חכמים "אל תקרי 'לא אֵמֻן בם' אלא 'לא אָמֵן בם'. זעט מען אז די תורה רופט אן דעם דור וואס איז נישט מקפיד אויף ענטפערן אמן "דוֹר תַּהְפֻּכֹת". לויט דעם: די בני אמונים-רעוואלוציע קומט פאררעכטן דעם "דוֹר תַּהְפֻּכֹת... בָּנִים לֹא אֵמֻן בָּם".

זאל דער אייבערשטער אייך בענטשן און געבן כח און שטארקייט, פארשטאנד, מעגליכקייט, סיעתא דשמיא ונהורא מעליא, צו קענען פארזעצן די רעוואלוציע און עס פארענדיגן בביאת משיח צדקנו במהרה בימינו, אמן.

**הרב ש.ה.כ**
**לעיקוואד ניו ניו דזשערזי**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

## צדיק באמונתו

### אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא


די מצבה פון בעל 'חות יאיר'
אין בית החיים אין ווארמייזא

### 'חות יאיר'
### א' בטבת תס"ב

רבי שמעון יאיר חיים בכרך איז געבוירן אין יאר שצ"ח אין די שטעטל לייפניק צו זיין פאטער רבי משה שמעון אב"ד ווארמייזא. ער איז ערצויגן געווארן אין שאטן פון זיין פאטער'ס מוטער מרת חוה בכרך, וואס איז געווען א חשובע פרוי און א אייניקל פון מהר"ל מפראג. עס זענען דא וואס זאגן אז נאך איר האט ער א נאמען געגעבן דעם באקאנטן ספר שו"ת וואס ער האט פארפאסט - 'חות יאיר' (שו"ת חת"ס ח"ד [אבעה"ז ב'] סי' כה).

אין זיין יוגנט האט ער געדינט אלס רב אין קאבלענס. שפעטער האט ער געדינט אלס רב אין מיינץ, און בסוף ימיו האט ער ממלא מקום געווען זיין פאטער'ס אמט אין ווארמייזא. ער האט געשריבן אסאך ספרים וואס רוב פון זיי זענען פארלוירן געווארן אין לויף פון די שווערע יארן. אויסער די שו"ת 'חות יאיר', איז ארויס א ספר כללים מיטן נאמען 'מר קשישא', און אויך א פירוש אויף שולחן ערוך - אורח חיים, מיטן נאמען 'מקור חיים'.

ער איז נפטר געווארן א' טבת תס"ב, אין עלטער פון פיר און זעכציג, און איז באערדיגט געווארן אין דעם אלטן בית החיים אין ווארמייזא.

**אין ספר 'מקור חיים' וואס דער 'חות יאיר' האט געשריבן, ברענגט דער מחבר דינים און מנהגים וואס פון זיי קענען מיר לערנען אויף די שטרענגקייט וואס איז געווען איינגעפירט אין די פריערדיגע דורות צו זאגן אין שול די ברכות השחר אויפן קול, כדי מזכה זיין דעם ציבור מיט אסאך אמן'ס:**

- "אין די ימי הסליחות און אין די ימים נוראים דארף מען זיין געווארנט נישט אנהייבן די ברכות זייער פרי... כדי צו מזכה זיין די וואס קומען איינציגווייז מיט ענטפערן אסאך אמן'ס" (יח ג).
- "איך האב געזען א מנהג פון חשובע און אלטע מענטשן וואס זייער ארט איז ווייט פון דער ש"ץ, אז זיי גייען אוועק פון זייער פלאץ און דערנענטערן זיך צום מברך ווען ער זאגט די ברכות השחר, כדי צוהערן גוט און ענטפערן ברוך הוא וברוך שמו און אמן" (מו ב).
- "דער מנהג בכל תפוצות ישראל... די יחידי סגולה - וותיקין וואס ווערן אויסדערוועלט טון זיך איינהילן אין א טלית, און זאגן הויעך אויפן קול 'להתעטף בציצית' און אלע ענטפערן אמן, און אזוי דער צווייטער און דער דריטער, אדער מער לויט די באשלוס פון קהל. און אזוי אויך ווען זיי לייגן תפילין זאגן זיי די ברכה אויפן קול איינער נאכן צווייטן" (נ א).
- בשעת'ן הערן ברכה זאל דער צוהערער אכטונג געבן זאגן 'ברוך הוא **וברוך שמו**' נאר דערנאך וואס דער מברך האט דערמאנט דעם אויבערשטנ'ס נאמען, אזוי ווי די חכמים האבן באפוילן (ברכות מז א) מקפיד זיין ענטפערן אמן נאר נאך די ענדע ברכה, "און איבערהויפט ביי ברכות השחר, וואס אסאך ווערן נכשל אין דעם" (קכד ה).